**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 110 מיליאן דאלאר אין גרענטס געשאנקען פאר 86 וואסער קוואליטעט באשיצונג פראיעקטן אריבער די סטעיט

***90 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט קאמיוניטיס***

***פינאנצירונג צו מאדערניזירן פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור, באקעמפן שעדליכע אַלדזשי שפראצונגען, באשיצן טרונקען וואסער און פארמיידן פאטענציאלע פארפעסטיגונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז בערך 110 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן פאר 86 פראיעקטן דורך צוויי גרענט פראגראמען צו פארבעסערן די קוואליטעט פון וואסער אריבער די סטעיט. די גרענט פראגראמען שטיצן פראיעקטן וועלכע וועלן העלפן באשיצן טרונקען וואסער, באקעמפן ביישטייערנדע מקורות צו שעדליכע אַלדזשי שפראצונגען, מאדערניזירן פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און פארשטערקערן די לעבעדיגע באשעפענישן און פלאנצונגען אין די וואסער אין קאמיוניטיס איבערן סטעיט, מיט מער פון 90 מיליאן דאלאר פון די פינאנצירונג שטיצנדיג וואסער קוואליטעט פארבעסערונג אין אזוי-גערופענע 'ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט קאמיוניטיס' — וועלכע זענען באטראפן געווארן מער פון אנדערע דורך ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג.

"ניו יארק זעצט פאר צו צושטעלן היסטארישע סומעס פון פינאנציעלע שטיצע צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו ריינע וואסער פאר פילע דורות אין די צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן פארזעצן צו פארבעסערן ניו יארק'ס פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און פארשטערקערן אונזער וואסער זיכערהייט — פארבעסערנדיג די קוואליטעט פון לעבן און די פובליק געזונטהייט פון קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

די 110 מיליאן דאלאר אין גרענטס זענען פארטיילט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), מיט מער פון 108 מיליאן דאלאר גייענדיג פאר 51 פראיעקטן דורך די סטעיט'ס וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט (Water Quality Improvement Project, WQIP) פראגראם און כמעט 2 מיליאן דאלאר גייענדיג פאר 35 פראיעקטן דורך די נישט-אגריקולטורישע אריינרינענדע שמוץ מאפעס און מוניציפאלע באזונדערע שטורעם וואסער אפלויף סיסטעם פלאנירונג גרענט ( Non-Agricultural Nonpoint Source Planning and Municipal Separate Storm Sewer System Mapping Grant, NPG). ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו לייגן אלץ א פריאריטעט פינאנצירונג פאר פראיעקטן וועלכע קענען מעגליך העלפן פארקלענערן שעדליכע אַלדזשי שפראצונגען (harmful algal blooms, HAB). כמעט האלב פון די WQIP און NPG געשאנקענע גרענטס – א סך הכל פון בערך 45 מיליאן דאלאר – וועלן גיין צו שטיצן פראיעקטן אין טייכן פון אנגעזאמלטע וואסערן וואו עס איז געווען באקאנטע HAB'ס אין די פארגאנגענע פינף יאר און/אדער וועלכע העלפן איינפירן א פראיעקט וואס איז אויסגערעכנט אין א DEC HAB'ס שריט פלאן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול זעצט פאר צו ארויסווייזן איר איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט, איך ווייס ווי וויכטיג דאס איז פאר איר. זי אנערקענט אז מיר קענען נישט אויסהאלטן די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס און פון אונזער ענווייראמענט אן צוטריט צו ריינע וואסער. די גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן העלפן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו היטן אויף אונזער טרונקען וואסער כדי פאמיליעס זאלן וויסן אז זיי האבן צוטריט צו א זאך וואס איז נישט קיין פריווילעגיע נאר א מענטשליכע רעכט."

דער [WQIP](https://www.dec.ny.gov/pubs/4774.html) גרענט פראגראם פינאנצירט פראיעקטן וועלכע פארבעסערן דירעקט וואסער קוואליטעט אדער די לעבעדיגע באשעפענישן און פלאנצונגען, אדער וועלכע באשיצן א מקור פון טרונקען וואסער. ווערנדיג טיילוויז געשטיצט דורך די סטעיט'ס ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד ( Environmental Protection Fund, EPF) און דורך געלטער פון די 'ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג געזעץ' (Clean Water Infrastructure Improvement Act) — רעכענען WQIP פראיעקטן אריין פארבעסערונגען צו מוניציפאלע אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען, רייניגונג און קאנטראלירונג פון מקורות פון נישט-אגריקולטורישע אריינרינענדע שמוץ, לאנד אפקויף פראיעקטן פאר די באשיצונג פון וואסער קוועלער, זאלץ סטאָרעדזש קאנסטרוקציע, צוריקשטעלונג פון היילן און וואוינונג פלעצער פאר ים באשעפענישן.

דער NPG פראגראם פינאנצירט פראיעקטן וועלכע העלפן באצאלן פאר די ערשטיגע פלאנירונג פאר נישט-אגריקולטורישע אריינרינענדע שמוץ וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקטן, ווי צום ביישפיל ערזעצן נישט גענוג גרויסע טאָנעלס אונטער ראודס און גרינע אינפראסטרוקטור טעכנאלאגיעס, און אזוי אויך צו שאפן א מאפע פון סטעיט פערמיט-פארלאנגטע שטורעם וואסער אפלויף אין שטאטישע ראיאנען. ווען זיי וועלן דורכגעפירט ווערן וועלן די פראיעקטן רעדוצירן די מאסן פון פארפעסטיגטע אפלויפנדע שטורעם וואסער וועלכע פליסן אריין אין לעיקס, טייכן און שטרוימען, און זיי וועלן פארמערן די באפעסטיגונג קעגן שאדנס פון די קלימאט. די גרענט ווערט געשטיצט דורך די סטעיט'ס EPF וואס גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר 2023-24 האלט אויס מיט א היסטארישע 400 מיליאן דאלאר. די EPF שטעלט צו פינאנצירונג פאר קריטישע ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, פארבעסערונג פון פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און אן אגרעסיווע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אגענדע.

א פולע ליסטע פון פראיעקטן וועלכע האבן באקומען פינאנצירונג איז פארעפנטליכט ביי [https://www.dec.ny.gov/pubs/4774.html](https://www.dec.ny.gov/pubs/4774.html) פאר WQIP און ביי [https://www.dec.ny.gov/pubs/116725.html](https://www.dec.ny.gov/pubs/116725.html) פאר NPG. ביישפילן פון די 51 פראיעקטן וועלכע זענען פינאנצירט געווארן אין די רונדע און ברענגען ארויס די ברייטקייט און תחום פון וואס די WQIP גרענטס האבן אלס געדעקט רעכענען אריין:

**אפלויף וואסער פארבעסערונג פראיעקטן:**

- **אָנאָנדאַגאַ קאונטי - 10 מיליאן דאלער פאר אפלויף וואסער רייניגונג אינפראסטרוקטור, קאָמביינד סוער איבערפלוס/סעניטערי סוער איבערפלוס פראיעקטן (צענטראל ניו יארק):** די קאונטי וועט פארריכטן און/אדער ערזעצן די פאָרס מעין סוער זאמלונג סיסטעם אין די געגנטער פון לעי קריק און ליווערפול, פארבעסערנדיג די וואסער קוואליטעט פון די אָנאָנדאַגאַ לעיק.

- **טאַון אָוו שענענגאָו - 10 מיליאן דאלאר פאר אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען פארבעסערונגען (סאוטערן טיער)**: די טאון וועט צולייגן נייע רייניגונג טעכנאלאגיעס ביי איר Northgate איינריכטונג צו העלפן נאכקומען די סטעיט סטאנדארטן און פארבעסערן די וואסער קוואליטעט דורכן רעדוצירן די מאסן פון פאָספאָרוס וואס גייט אריין אין די שענענגאָו ריווער און אין די טשעסעפּיק בעי וואסער זאמלונג טייך.
- **באפעלאו סוער אויטאריטעט - 10 מיליאן דאלער פאר אפלויף וואסער רייניגונג אינפראסטרוקטור, קאָמביינד סוער איבערפלוס/סעניטערי סוער איבערפלוס פארפעסטיגונג רעדוקציע (מערב ניו יארק)**: די באפעלאו סוער אויטאריטעט וועט פארבעסערן אפלויף וואסער רייניגונג עקוויפּמענט ביי די Bird Island אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג, אריינרעכענענדיג דאס פארערכטן 'פריימערי סעדימענטעישען' טענק און פארבינדענע פאמפּינג און רערן פאר בלאטע און דאס אינסטאלירן א נייע רייניגונג איינריכטונג. דער פראיעקט וועט צושטעלן א העכערע שטאפל פון די ערשטיגע רייניגונג פון נאסע פלוסן פון די וועטער אריבער די איינריכטונג און פארבעסערן די קוואליטעט פון וואסער וואס רינט אריין אין די ניאגארא טייך. דאס בויט ארויף אויף [די אנאנס אין אקטאבער] אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף דעם אפלויף וואסער פארבעסערונג פראיעקט אויף די Bird Island אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **טאון אָוו הערמאן - $718,400 פאר אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג פארבעסערונגען (נארט קאנטרי)**: די טאון וועט מאדערניזירן זייער אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג דורכן צולייגן אולטרא-וויאלעט רייניגונג עקוויפּמענט, פארבעסערנדיג די וואסער קוואליטעט פון עלם קריק.

**אריינרינענדע שמוץ מקורות רייניגונג באריכטן:**

- **ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע באשיצונג ( Department of Environmental Protection) - 2 מיליאן דאלאר פאר גרינגע אינפראסטרוקטור סטאנדארטן (ניו יארק סיטי)**: 'גאס אינזלען' (מידיענס) אין אייגנטום פון די סיטי וועלן דערפרישט ווערן מיט גרינע אינפראסטרוקטור סטאנדארטן צו באשיצן לאקאלע וואסער קוואליטעט און אדרעסירן פארפלייצונג שוועריגקייטן.
- **סיטי אָוו פלאטסבורג - $817,525 פאר באדע ברעגעס פארערכטונג (נארט קאנטרי)**: די שטאט וועט דורכפירן גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן ביי די שטאט'ס ברעגע. די פראיעקטן וועלן אריינרעכענען שטורעם וואסער בוים גרובער און 'בייאָוריטענטשען' פלעצער צו אריינעמען שטורעם וואסער אפלויף פון פארמאכטע פלעצער. דער פראיעקט וועט רעדוצירן כעמיקאלן, זאץ און שטורעם וואסער פלוס צו די קאָמבערלענד בעי טייל פון לעיק טשעמפלעין.
- **אנטאריאָו קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט - $610,000 פאר ראוד דיטש סטאביליזאציע פראגראם (פינגער לעיקס)**: די זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט וועט דורכפירן א ראוד דיטש (שטרוימען אויף די זייטן פון גאס) סטאביליזאציע פראגראם אין די טאונס קענעדיס און בריסטאל. דער פראגראם וועט פארשטייטערן די שטורעם וואסער פלוס, רעדוצירן אפשווענקונג אויף די זייט פון די ראודס און רעדוצירן די מאסן פון כעמיקאלן וואס קענען אריינרינען אין די ראטשעסטער טרונקען וואסער קוועלער און אין די מיל קריק אין די דזשענעסי ריווער זאמלונג וואסער.
- **שעטאַקווע קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט - $432,555 פאר שטרוים ברעגע/ברעגע סטאביליזאציע (מערב ניו יארק)**: די זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט וועט דורכפירן שטרוים אויסגראדונג און פארשטייטערונגען דורך פלאנצונגען

ביי מערערע לאקאציעס אין שעטאַקווע קאונטי. דער פּראיעקט וועט רעדוצירן אפשווענקונג, זאץ און כעמיקאלן אין די שעטאַקווע לעיק זאמלונג וואסער.

**לאנד אפקויפונג פראיעקטן צו באשיצן טרונקען וואסער קוועלער:**

- **סיטי אָוו וואָטערוליעט - $480,000 צו אפקויפן לאנד צו באשיצן וואָטערווליעט רעזערוואר (הויפטשטאט דיסטריקט):** די שטאט וועט אפקויפן א 58-אקער שטח נעבן זייער טרונקען וואסער קוואל, די וואָטערווליעט רעזערוואר. אפקויפן די שטח וועט באשיצן די רעזערוואר פון פאטענציאלע פארפעסטיגונג צוליב דעוועלאפמענט אדער געוויסע אקטיוויטעטן פון לאנד באנוץ. די שטח וועט בלייבן א וואלד אן דעוועלאפמענט, דינענדיג אלץ נאטורליכע ארומיגע שוץ פאר די רעזערוואר.

**זאלץ סטאָרעדזש:**

- **טאון אָוו אינדיען לעיק - $225,000 פאר נייע מיטגעטיילטע זאלץ סטאָרעדזש איינריכטונג (נארט קאנטרי):** די טאון וועט אויפבויען א זאלץ סטאָרעדזש איינריכטונג צו באדעקן זייער זאלץ הויפן וואס איז יעצט אויפגעדעקט. די זאלץ וואס וועט געהאלטן ווערן אין די סטרוקטור וועט גענוצט ווערן דורך די טאון אָוו אינדיען לעיק און דורך העמילטאן קאונטי. די סטרוקטור וועט באשיצן די וואסער קוואליטעט פון די סידער ריווער און דערנעבנדע אונטערערדישע וואסער.

**צוריקברענגען היילן פאר ים-באשעפענישן:**

- **אָלסטער קאונטי - $250,000 צוריקצוברענגען היילן פאר ים-באשעפענישן (מיד-האדסאן):** די קאונטי וועט ערזעצן א צובראכענע און נישט גענוג גרויסע טאָנעל אונטער א ראוד וואס גיסט זיך אריין צו די סאָוקיל קריק אין וואָדסטאַק. דער פראיעקט וועט פארבינדן 2.2 מייל פון וואוינונג פלאץ פאר ים באשעפענישן און פארגרינגערן פארפלייצונגען אין די לאָווער איסאָופוס קריק זאמלונג וואסער.

**צוריקברענגען וואוינונג פלעצער פון ים-באשעפענישן:**

- **Save the Sound - $749,976 צוריקצוברענגען וואוינונג פלעצער פון ים-באשעפענישן (ניו יארק סיטי):** Save the Sound וועט צוריקברענגען פיר אקער פון זאלציגע זומפן און אינסטאלירן 'אויסטער פאלאצן' און פלאנצונגען לענגאויס 1,100 פיס פון וואסער ברעגע. די אויסטער פאלאצן און פלאנצונגען וועלן פילטרירן כעמיקאלן פון שטורעם וואסער און סטאביליזירן זומפ ברעגעס אין יודעלס קאָוו.
- **סיטאָק ענווייראמענטאלע אסאָוסיעישען - $320,000 צוריקצוברענגען וואוינונג פלעצער פון ים-באשעפענישן (לאנג איילענד):** די סיטאָק ענווייראמענטאלע אסאָוסיעישען וועט מאכן אן אריבערגאנג פאר פיש ביי די Mill Pond דאמבע אין וואַנטאַ. דער פראיעקט וועט ערמעגליכן פאר ים באשפענישן צו אריבערגיין און אנקומען צו פיש-אייער אין פרישע וואסער אין בעלמאר קריק.

ביישפילן פון די 35 פראיעקטן וועלכע זענען פינאנצירט געווארן אין די רונדע און ברענגען ארויס די ברייטקייט און תחום פון וואס די NPG גרענטס האבן אלס געדעקט רעכענען אריין:

**מוניציפאלע באזונדערע שטורעם וואסער אפלויף סיסטעם (MS4) מאפע:**

- **אָנאָנדאַגאַ קאונטי אפיס פון די ענווייראמענט - $396,000 פאר MS4 מאפע (צענטראל ניו יארק):** די אָנאָנדאַגאַ קאונטי אפיס פון די ענווייראמענט וועט ארבעטן מיט די צענטראל ניו יארק ראיאנישע פלאנירונג און אנטוויקלונג באורד ( Central New York Regional Planning and Development Board) צו אהערשטעלן א ברייטע מאפע פאר שטורעם וואסער אפלויף סיסטעמען פאר 30 רעגולירטע MS4'ס אין די סירעקיוס געגנט. די מאפע וועט ארייננרעכענען אלע פונדאמענטאלע און צוגאבליכע עלעמענטן ציפערן צו ערמעגליכן בעסערע פארוואלטונג פון זייערע רעגולירטע שטורעם וואסער סיסטעמען.
- **טאון אָוו ארענדזשטאון - $75,000 פאר MS4 מאפע (מיד-האדסאן):** די טאון וועט אויפנעמען אן אינדזשענירונג פירמע צו אהערשטעלן א ברייטע מאפע פון שטורעם וואסער אפלויף סיסטעמען אין די העקענסעק ריווער, לאָווער נאָוראושען ברוק און לאָווער האדסאן ריווער עסטשוערי זאמלונג וואסערן. די מאפע וועט ארייננרעכענען אלע אינפארמאציע איבער אלע פונדאמענטאלע עלעמענטן פאר רעגולירטע שטורעם וואסער סיסטעם פארוואלטונג.
- **טאון אָוו ניו ווינדסאר - $75,000 פאר MS4 מאפע (מיד-האדסאן):** די טאון וועט אהערשטעלן א ברייטע מאפע פון די שטורעם וואסער סיסטעם. דער פראיעקט וועט ארייננרעכענען א מאפע פון וויכטיגע פלעצער און פארגעשלאגענע שטורעם וואסער צופאסונגען.

**אריינרינענדע שמוץ מקורות פלאנירונג באריכטן:**

- **טאון אָוו סענעקע פאָלס - $30,000 פאר פאררעכטונג און ערזעצונג פון שטרוים טאָנעלס אונטער ראודס (פינגער לעיקס):** די טאון וועט אהערשטעלן אן אינדזשענירונג באריכט צו אדרעסירן א שטרוים טאנעל אויף Bayard Street וואס ארבעט נישט. דער פראיעקט וועט רעדוצירן אפשווענקונג אין די קאַיוּגע לעיק וואסער זאמלונג טייך.
- **אלעגאני קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט - $30,000 פאר שטרוים ברעגע/ברעגע סטאביליזאציע (מערב ניו יארק):** די זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט וועט דורכפירן א שטרוים ברעגע סטאביליזאציע סוּרווּי און אהערשטעלן אן אינדזשענירונג דעזיין פלאן צו סטאביליזירן אן אפשווענקענדע שטרוים ברעגע אין די טאון אָוו קענעדיע. דער פראיעקט וועט רעדוצירן די אפשווענקונג פון כעמיקאלן אריין אין די דזשענעסי ריווער און באשיצן אינפראסטרוקטור אין די ראיאן.
- **קארטלאנד קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט - $75,000 פאר ברייטע שטרוים שטרעקע אפשאצונג (צענטראל ניו יארק):** די זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט וועט דורכפירן א ברייטע שטרוים שטרעקע אפשאצונג, ארייננרעכענענדיג פאר די סכנה פון פארפלייצונג, פאר די טראַט ברוק און סמיט ברוק זאמלונג וואסערן נוצנדיג די צפון אמעריקאנער וואסער באשעפענישן היילן קאלאבאראטיוו ( North American Aquatic Connectivity Collaborative) פרעימווארק. די באריכט וועט פארבעסערן די ציפערן וועלכע זענען דא איבער מער פון 70 מייל פון די שטרוים און דאקומענטירן פריאריטעטן פאר אפשווענקונג קאנטראל.

**ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק זעצט פאר צו פארמערן אירע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. בלויז לעצטנס – אין איר 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און אין איר עקזעקיוטיוו בודזשעט – האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן צו אינוועסטירן נאך 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר ריינע וואסער, ברענגענדיג ניו יארק'ס סך הכל אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג סומע צו 5 ביליאן דאלאר זינט 2017. כדי צו אויסנוצן די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע רעגירונגען, האט די גאווערנער פארגעשלאגן צו אויפשטעלן 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' ( Community Assistance Teams) צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס פון פאראויס כדי צו אנקומען צו קליינע, דארפישע און שוואכערע קאמיוניטיס זיי צו העלפן באקומען פינאנציעלע הילף צו אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. [די איניציאטיוו איז לעצטנס געעפנט געווארן](https://efc.ny.gov/CAT) און באגעגענישן צו ארבעטן מיט די קאמיוניטיס זענען אונטערוועגנס. פאר מער אינפארמאציע, גייט צו https://efc.ny.gov/CAT.

חוץ פון דעם, האבן וויילער באשטעטיגט דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' ( Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) אין נאוועמבער 2022, שטופנדיג פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו פארבעסערן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס; און פארזיכערן יושר און גלייכקייט דורכן אינוועסטירן צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון הילפס-מיטלען אין שוואכערע קאמיוניטיס.

**איבער די קאַנסאַלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע**

די גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן זענען ארויסגעגעבן געווארן נאכפאלגנדיג די פארענדיגונג פון די 'קאַנסאַלידעיטעד פאַנדינג' אפליקאציע ( Consolidated Funding Application, CFA) פראצעדור. די CFA איז אוועקגעשטעלט געווארן צו פארגרינגערן און פארשנעלערן גרענט אפליקאציעס, און עס צייכנט אפ א פונדאמענטאלע טויש אין די וועג וויאזוי סטעיט געלטער ווערן פארטיילט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און א מער געשליפענע פראצעדור צו ערפילן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג באדערפענישן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א שטיצע מעכאניזם צו האבן צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קוועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418